# פרשת ואתחנן י' - ט"ז אב תשפ"ב לפ"ק

*יום ראשון פרשת ואתחנן*

לפני תפלת מנחה הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **יצחק** ני"ו בן הר"ר **יונתן לעפקאוויטש** הי"ו. אחר התפלה השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה.

אחר תפלת מנחה, למד **רבינו שליט"א** דברי הגמרא בעניני חורבן בית המקדש (גיטין נז.), עם בחורי הישיבה.

*מתוך השיעור:*

**אמר רב יהודה אמר רב אסי, ששים רבוא עיירות היו לו לינאי המלך בהר המלך, וכל אחת ואחת היו בה כיוצאי מצרים, חוץ משלש, שהיו בהן כפלים כיוצאי מצרים.** קומט אויס, אז מען קען אפילו נישט ציילען וויפיל מענטשן האבן געוואוינט אין דעם הר המלך. לאמיר אננעמען די גמרא כפשוטו, אז ששים רבוא מיינט טאקע ששים רבוא. קומט אויס, אז עס איז געווען זעקס הונדערט טויזענט שטעט, און אין יעדע שטאט האבן געוואוינט זעקס הונדערט טויזענט מענטשן. וויפיל איז זעקס הונדערט טויזענט מאל זעקס הונדערט טויזענט? דריי הונדערט זעכציג ביליאן מענטשן! אין די וועלט היינט, איז נישט דא מער ווי אכט ביליאן מענטשן! און לויטן חשבון דא קומט אויס, אז אין הר המלך אליין האבן געוואוינט דריי הונדערט און זעכציג ביליאן מענטשן! אויב מען נעמט אן כפשוטו, איז עס אזוי געווען.

**אטייל** ווילן זאגן, אז ששים רבוא וואס שטייט אין די גמרא, מיינט נישט דוקא ששים רבוא, נאר ווען מען וויל זאגן א גרויסע צאל, אין די תורה געפונט מען אז די גרעסטע צאל איז ששים רבוא. וועגן דעם, אז מען וויל אנכאפן א לשון פון א גרויסע צאל, זאגט מען ששים רבוא! ששים רבוא עיירות, און איבעראל ששים רבוא מענטשן. איז דען אין יעדע שטאט געווען פונקט ששים רבוא מענטשן? האסט שוין אזאנס געהערט, אז עס זאל זיין זעקס הונדערט טויזענט שטעט, און עס איז דא פונקט אזויפיל מענטשן, קיינער איז נישט געשטארבן, און קיינער איז נישט געבוירען אין איין שטאט מער פון די צווייטע, אז איבעראל איז געווען ששים רבוא? איז מסתבר אז עס איז נישט געווען ממש ששים רבוא, עס איז געווען גאר א גרויסער מספר. אבער וויפיל עס זאל זיין, איז דאס א געוואלדיגע מספר פון מענטשן, וואס האבן געוואוינט דארטן.

*

**כפר ביש, דלא יהבי ביתא לאושפיזא. כפר שיחליים, שהיתה פרנסתן מן שחלים. כפר דכריא, אמר רבי יוחנן, שהיו נשותיהן יולדות זכרים תחלה, ויולדות נקבה באחרונה, ופוסקות.** דער מהרש"א גיט צו, אז די אלע דריי זאכן זענען געווען לביש, ער וויל פארציילן דאס נישט גוטס וואס איז געווען אין די מקומות. כפר ביש האט מען דאך א נאמען געגעבן אליין, דאס איז א שלעכטע כפר, מען האט נישט געגעבן צו עסן פאר קיין גאסט. כפר שחליים, וועט מען אויך טייטשן אז דאס וואס זיי האבן געהאט זייער פרנסה פון שחליים, איז געווען לגריעותא. כפר דכריא, אז עס איז געבוירען קודם זכרים, דאס איז אויך לגרועתא, ווייל אין די גמרא (בבא בתרא קמא.) שטייט, בת תחלה סימן יפה לבנים, אז ווען עס ווערט געבוירן א מיידל אין שטוב, דאס איז א גוטער סימן פאר די קינדער שפעטער. און זיי זענען נישט געווען ראוי זיי זאלן האבן א בת תחלה, איז ביי זיי געבוירען געווארן קודם די זכרים, און נאכדעם די נקבות.

**בת תחלה סימן יפה לבנים.** אז עס ווערט געבוירען קודם א בת, איז עס א גוטע סימן פאר די קינדער. אין די גמרא שטייט דערויף צוויי טעמים. איינס זאגט די גמרא, ווייל אזוי ווי עס איז דא א עלטערע מיידל אין שטוב, העלפט זי צו פאר די מאמע צו ערציען די איבריגע קינדער. ממילא אז עס איז דא א בת קודם, איז גרינגער אין שטוב. די קינדער וואס ווערן געבוירן נאכדעם, האבן נאך א מאמע אין שטוב, די עלטסטע טאכטער העלפט אין שטוב.

**די** צווייטע טעם זאגט די גמרא, משום עינא בישא. ווען עס ווערט געבוירן א יונגל תיכף אין אנהייב, איז דא א עינא בישא, אן עין רעה, וואס מענטשן קוקן דערויף מיט א קנאה, ממילא אז עס איז דא א בת תחילה, איז נישט דא קיין עין בישא, וועגן דעם איז בת תחלה סימן יפה לבנים.

**איך** האב געזעהן אין איינע פון די מפרשים (מהרש"א), אז דאס וואס מען זאגט אז עס איז דא א עין רעה, איז וועגן דעם, ווייל אויב עס ווערט געבוירן קודם א יונגל, איז דאך דער יונגל דער בכור, און א בכור איז נוטל פי שנים, ווען עס קומט צו ירושה, נעמט ער דאפעלט פון די איבריגע ברודער. קומט אויס, אז ווען דער פאטער גייט אוועק פון די וועלט, איז דא א געוויסע קנאה וואס מען האט אויף דעם עלטערן ברודער, ווייל ער נעמט דאפעלט פון די ירושה פון די איבריגע. אבער אז עס איז א בת תחלה, עס ווערט געבוירן קודם א מיידל, איז דאך נישט דא קיין דיני בכורה, א מיידל ירש'נט דאך נישט, קומט אויס אז ווען עס ווערט געבוירן שפעטער א יונגל, איז ער נישט קיין בכור, און ער נעמט נאר אזוי ווי א פשוט, איז נישט דא קיין עינא בישא שפעטער. ווען עס איז א בת תחלה, ווען עס קומט צו די ירושה, איז נישט דא קיין עינא בישא, אז דער בכור איז נוטל פי שנים.

**עס** ווערט געברענגט פונעם **גערער רבי'ן**, דער **אמרי אמת**. אז די גמרא (סוטה יב.) זאגט, אז ווען איינער איז נושא אשה לשם שמים, ער האט ערליך חתונה לשם שמים, מעלה עליו הכתוב כאילו ילדה, טוט דער אייבערשטער רעכענען כאילו ער האט געבוירעו זיין ווייב, אז זיין ווייב ווערט גערעכנט פאר אים אזוי ווי א טאכטער. מען געפונט ביי מרדכי, לקחה מרדכי לו לבת (אסתר ב-ז), ער האט חתונה געהאט מיט אסתר, און זי איז געווען אזוי ווי א טאכטער. ווייל א נושא אשה לשם שמים איז דאך כאילו ילדה, איז דאס אזוי ווי א בת. - קומט אויס, אז מען האט חתונה לשם שמים, איז די ווייב די ערשטע בת וואס איז געבוירן, ווייל עס איז דאך מעלה עליו הכתוב כאילו ילדה. און אז מען האט חתונה לשם שמים, דאס איז א גוטער סימן פאר די קינדער שפעטער. בת תחלה, טאמער מען האט חתונה קודם לשם שמים, אז די ווייב איז די בת תחלה, סימן יפה לבנים, איז עס א גוטער סימן פאר די קינדער שפעטער.

*

**ארץ צבי כתיב בה. מה צבי זה, אין עורו מחזיק את בשרו, אף ארץ ישראל, בזמן שיושבין עליה רווחא, ובזמן שאין יושבין עליה גמדא.** עס איז אויך א מדרש (דב"ר ד-יא), און דער מדרש איז עס נאך מער מסביר. דער מדרש זאגט, אזוי ווי מען זעהט א ספר תורה, צו אנדערע ספרים וואס מען האט אמאל געשריבן, וואס זענען נגללים, עס איז א קליינע ספר תורה, אבער עס איז איינגעדרייט איינס אינעם אנדערן, וועגן דעם איז עס צוזאמגענומען. ווען מען מאכט אויף די ספר תורה קען מען עס אויסציען אויף די גאנצע שטוב און נאך מער, אזוי איז אויך ארץ ישראל. די ערד אין ארץ ישראל איז צוזאם געדרייט. ממילא בזמן שיושבין עליה, בשעת יודען זענען געוועזן דארט, רווחא, האט זיך עס אויסגעשפרייט. מען האט גענומען דעם ספר, און מען האט עס אויפגעמאכט. דער קליינער פלאץ האט זיך צושפרייט פון וואס ווען עס איז צוזאמגעדרייט, און עס איז געווען פלאץ פאר טויזענטער מענטשן. דאס מיינט אז אין ארץ ישראל, האט יעדער שבט באקומען זיין נחלה, און וויפיל דער שבט איז נתרבה געווארן, האט זיך די ערד אויסגעשפרייט, און מען האט געקענט דארט וואוינען.

**עס** שטייט אין **ייטב לב** (פרשת בהעלותך) אז דער נביא פרעגט (ירמיה ט-יא), על מה אבדה הארץ, ענטפערט דער אייבערשטער, על עזבם את תורתי, ווייל מען האט איבערגעלאזט די תורה. זאגט ער, אז די שאלה איז נישט געווען, פארוואס פארא עבירות איז געקומען גלות. גלות איז געקומען ווייל מען האט געזינדיגט, האט דער אייבערשטער פארטריבן יודען פון ארץ ישראל, איז אבדה הארץ. די שאלה איז געווען, פארוואס איז די ערד אבדה? אמאל איז ארץ ישראל געווען אזוי גרויס, אז עס האט געהאט פלאץ ששים רבוא עיירות, און נאכן חורבן איז ארץ ישראל צוזאמגעגאנגען צו א קליינע מקום. על מה אבדה הארץ, וואס איז די ערד שולדיג, וואס איז די ערד צוזאמגעגאנגען אז מען האט געזינדיגט, ארץ ישראל וואלט אייביג געדארפט בלייבן אזוי ווי עס איז, און יודען זאלן ארויסגיין אין גלות, און עס זאל חרוב ווערן דער ישוב הארץ. אבער על מה אבדה הארץ, פארוואס איז די ערד אליין נאבד געווארן.

**אויף** דעם ענטפערט מען, על עזבם את תורתי. איז מסביר דער ייטב לב, דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט מיט תורה. דער אייבערשטער האט אריינגעקוקט אין די תורה, און מיט דעם האט ער באשאפן די וועלט. קומט אויס אז יעדער פלאץ אין די וועלט, איז מכוון אקעגן א מקום אין די תורה. די תורה הק' איז א קליין ספר, חמשה חומשי תורה, אבער אין יעדן פסוק אין די תורה, ליגט תילי תילין

של הלכות. די גמרא (מנחות כט:) זאגט אויף רבי עקיבא, אז ער האט גע'דרש'נט על כל קוץ וקוץ, אויף יעדע שטרעכעלע וואס איז דא אין די תורה, האט ער געקענט דרש'נען תילין תילין של הלכות, וואס ליגט אינעווייניג אין די תורה.

**קומט** דאך אויס, אז תורה איז בעצם קליין, אבער אז מען לערנט תורה, צושפרייט זיך די תורה. פון איין קליינע תורה איז געווארן א גאנצע ש"ס, און אויף דעם ש"ס איז דא הונדערטער און טויזענטער און צענדליגער טויזענטער ספרים און ביאורים, וואס איז אלץ נתרבה געווארן פון די תורה. ווען יודען זענען עוסק אין תורה, טוען זיי פארברייטערן די תורה, און דעמאלטס ווערט די ארץ אויך פארברייטערט. אבער אז מען לערנט נישט קיין תורה, האט מען נישט קיין כח אז מען זאל נעמען דעם ארץ, און מען זאל עס קענען צו צושפרייטן.

**ווען** מען האט געפרעגט על מה אבדה הארץ, פארוואס איז דער ארץ אבדה? איז דער ענטפער, על עזבם את תורתי. ווילאנג מען האט געלערנט תורה, האט מען מרחיב געווען די תורה. און אז מען איז מרחיב די תורה, קען מען אויך מרחיב זיין די ארץ. אבער טאמער עס פעלט אין תורה, על עזבם את תורתי, האט מען נישט געהאט דעם כח, אז מען זאל קענען מרחיב זיין דאס לאנד.

*

**איך** האב אויך געזעהן טייטשן, אז די ברכה איז געווען נישט נאר אין ארץ ישראל, נאר אויך אין עבר הירדן, וואו די בני גד ובני ראובן האבן באקומען זייער חלק, כאטש עס האט נישט געהאט מיט אלעם די קדושה פון ארץ ישראל, אבער עס האט אויך געהאט אין זיך, אז בזמן שיושבין עליה רווחא, איז עס צוברייטערט געווארן. כאטש עס האט נישט געהאט די קדושה פון ארץ ישראל ממש, אבער משה רבינו איז דאך געווען קבור אין עבר הירדן, און משה רבינו איז דאך דער עמוד התורה, האט עס געהאט אין זיך די קדושה פון די תורה פון משה רבינו, אז עס האט זיך געקענט צושפרייטן.

**דאס** האט משה רבינו געזאגט, ברוך מרחיב גד (דברים לג-כ), גד וועט אויך האבן די ברכה פון מרחיב, כי ירחיב ה' אלקיך את גבולך (דברים יב-כ), אז זיין גבול וועט זיך קענען פארברייטערן. כי שם חלקת מחוקק ספון, ווייל משה רבינו ליגט דארט, און די קדושה פון משה רבינו האט געגעבן, אז דער מקום וועט אויך קענען זיין מרחיב גד, אז ער וועט קענען מרחיב זיין, זיין מקום. אזוי ווי די גמרא זאגט דא, אז בזמן שיושבין עליה רווחא.

*

**מעשה בארוס וארוסתו שנשבו לבין העובדי כוכבים, והשיאום זה לזה, אמרה לו, בבקשה ממך, אל תגע בי, שאין לי כתובה ממך, ולא נגע בה עד יום מותו.** די מפרשים (עיון יעקב) פלאגן זיך, וואס איז טייטש אז עס איז נישט געווען קיין כתובה. די הלכה איז, אז אפילו מען קען נישט שרייבן קיין כתובה, אבער טאמער גיט ער פאר איר א פעקל געלט וואס איז ווערד וויפיל די כתובה, וויפיל ער האט זיך מחייב געווען פאר איר, איז אויך גוט. ווייל דער גאנצער טעם פארוואס מען דארף א כתובה איז, זי זאל האבן א שטר, כדי זי זאל קענען איינקאסירן די ווערד פונעם געלט. אבער אויב זי האט באקומען א משכון דערויף, קען מען אן א כתובה אויך. דאס הייסט, אפילו מען פארלירט א כתובה היינט, און מען האט נאך נישט קיין צייט צו שרייבן א נייע כתובה, איז די הלכה אז אויב ער גיט איר זילבער אדער גאלד, ער גיט איר א זאך וואס איז ווערד אזויפיל וויפיל די כתובה איז, איז אויך גוט. איז אפילו מען האט נישט געקענט שרייבן דארט קיין כתובה, פאר וואס פאר א סיבה עס זאל זיין, האט ער איר געקענט מקנה זיין, איך האב געלט אינדרויסן וואס איז ווערד כך וכך, איך געב עס פאר דיר פאר די כתובה. און אין די גמרא איז דאך משמע, אז עד יום מותו, ביז ער איז געשטארבן, האט מען נישט געקענט מסדר זיין א כתובה.

**די** מפרשים ווילן זאגן, אז אזוי ווי מען האט זיי געפאנגען, און די הלכה איז, אז א שבוי ווערט נקנה פאר די בעלים. ווען מען האט איינעם געפאנגען, ווערט ער נקנה פאר דעם וואס האט אים געפאנגען. ממילא איז די נכסים וואס ער האט געהאט, איז נישט געווען זיינס. די נכסים האבן געהערט פארן אדון, אזוי ווי עס האט געהערט פארן אדון. האט ער נישט געהאט מיט וואס ער זאל זיך קענען מתחייב זיין די כתובה. איז למעשה איז ער געווען אן א

כתובה, האט זי געזאגט, אז ער זאל נישט צורירן צו איר, ווייל ער האט נישט קיין כתובה.

*

**וכשמת אמרה להן, סיפדו לזה, שפטפט ביצרו יותר מיוסף וכו'.** דער **מהרש"א** זאגט, עס איז נאך נישט געווען קיין גרעסערער צדיק פון יוסף הצדיק. יוסף'ס נסיון איז געווען א גרעסערער נסיון פון דעם ארוס וארוסה, מיט די דריי זאכן וואס זי האט אויסגערעכנט. די דריי נקודות איז טאקע געווען מער ביי אים ווי יוסף, אבער דער נסיון פון יוסף איז געווען א גרעסערער נסיון. ביי יוסף איז געווען ויהי כדברה אליו יום יום (בראשית לט-י), איז מוכח פון פסוק אז זי האט אים מפתה געווען יעדן טאג, נאר זי האט נישט געהאט קיין געלעגנהייט צו טון אן עבירה, ווען יעדער איז געווען אין שטוב. ויהי כהיום הזה, עס איז געווען א טאג וואס יעדער איז אוועקגעגאנגען פון שטוב, האט זי געהאט א מעגליכקייט אז זי זאל קענען מפתה זיין.

**אבער** די עיקר נקודה זאגט דער מהרש"א, אז דער חילוק איז, דארט האט זי דאך צוגערעדט צו טון אן עבירה, זי האט דאך מגרה געווען יצרו. קומט דאך אויס, אז זי האט מיטגעארבעט מיט אים, איז זייער גרינג ער זאל נכשל ווערן אין דעם נסיון, און פון דעסטוועגן דאך האט ער זיך צוריקגעהאלטן, ער האט נישט געזינדיגט. דא האט ער דאך געהאט א ווייב א צדיקת, און די צדיקת האט נישט געוואלט, זי האט דאך אים געזאגט, ער זאל נישט צורירן צו איר, האט ער דאך געהאט א סיוע פון איר, דאס קומט נישט צו, צו דעם נסיון פון יוסף. יוסף האט געהאט א נסיון, וואו זי האט מסכים געווען. און נישט נאר זי האט מסכים געווען, נאר זי האט אים מפתה געווען צו טון אן עבירה. און ער האט געהאט א נסיון מיט זיין ווייב, וואס זי האט נישט געוואלט ער זאל צורירן צו איר. ממילא קומט אויס, איז נישט דומה דער נסיון, צו די נסיון פון יוסף.

*

**מעשה ועמדו ארבעים מודיות בדינר, נחסר השער מודיא אחת, ובדקו ומצאו אב ובנו שבאו על נערה מאורסה ביום הכיפורים, והביאום לבית דין וסקלום, וחזר השער למקומו.** ער האט געוואלט ברענגען א ראיה אויף די גרויסקייט פון די שטאט. וואס איז די גרויסקייט פון די שטאט? עס איז דאך לכאורה פארקערט, מען האט דאך געטראפן דא א נערה המאורסה וואס האט געזינדיגט יום כיפור. עס איז אבער משמע פון די גמרא, אז עס איז נישט געווען קיין אנדערע עבירה אין שטאט, נאר די מעשה פון די נערה המאורסה. ווייל מען זעהט דאך, אז ביז דעמאלטס איז געווען די פרייז ביליג, און תיכף ווען מען האט געמאכט א דין, איז תיכף צוריק געגאנגען די פרייז. אויב עס וואלט געווען אנדערע עבירות אויך אין די שטאט, פארוואס איז צוריק געגאנגען די פרייז, עס איז דא נאך עבירות אין די שטאט. איז דאך א סימן, אז אויסער די עבירה וואס האט פאסירט דארט, האבן זיי נישט געהאט קיין עבירות. - ווייל ער דערמיט ארויסברענגען דאס גרויסקייט פון די שטאט וואס איז געווען ערליך, אז זיי זענען געווען צדיקים.

**דער** ביאור איז נאך טיפער דערין. א ראיה פון די מעשה אז זיי זענען געווען צדיקים. איינס, ביי אונז איז טעגליך אז עס איז דא א יקרות אויף די זאך, און א יקרות אויף א צווייטע זאך. און עס איז קיינמאל נישט איינגעפאלן אז מען זאל זיך צוזאמזעצן און פרעגן וואס איז די פראבלעם מיט די שטאט? וואס דארף מען מתקן זיין אז עס איז געווארן א יקרות? ווען עס איז דא א אינפלעישא"ן איז דא טויזנט תירוצים, קאראנא, טשיינע, אלעס איז תירוצים פארוואס דער יקרות איז געשעהן, אבער נישט ווייל אונז דארף מיר עפעס מתקן זיין אין די מעשים.

**אז** דאס איז געווען א שטאט, וואס ווען עס איז געווארן טייערער, אנשטאט פערציג, האט מען נאר געקענט באקומען ניין און דרייסיג, און מען האט זיך אראפגעזעצט, עס מוז זיין אז עס איז דא עפעס אין די שטאט וואס מען דארף מתקן זיין, איז א סימן אז עס איז געווען א ערליכע שטאט. אויב עס איז נישט קיין ערליכע שטאט, וואלט מען געזאגט, אסאך מאל ווערט די פרייז טייערער, און אסאך מאל ווערט די פרייז ביליגער. אז מען האט עס נישט געלאזט אויף די טבע צו זאגן אז עס איז פונקט אזוי געווען, נאר עס מוז זיין עפעס א סיבה פארוואס עס האט אזוי פאסירט, דאס האט געוויזן אויף די ערליכקייט וואס איז געווען אין די שטאט.

**נאכדעם**, איז דען יעדע מאל אזוי, אז דער אייבערשטער ווייזט א סימן תיכף ווען מען האט געזינדיגט, אז עס רירט זיך עפעס אין די וועלט. היינט טוישט זיך יעדן טאג עפעס אין די וועלט. ווייל אונז זינדיג מיר יעדן טאג, ווערט טאקע געטוישט אין די וועלט. אבער אז עס זאל זיין א שטאט, וואס דער אייבערשטער זאל באווייזן א סימן, עס איז געשען היינט א חטא דא אין די שטאט, א ראיה אז עס שטייגט די פרייז, דאס ווייזט נאר דער אייבערשטער פאר ערליכע אידן. ודרך תשובה הורית, עס איז דא א וועג וואס דער אייבערשטער טוט אסאך מאל פאר ערליכע אידן וואס ווילן זיך פירן גוט, נאר ער ווייסט נישט אמאל אז ער איז נכשל געווארן, טוט אים דער אייבערשטער לערנען, מען זאל אים צופירן צו גיין אויפן ריכטיגן וועג. אז מען האט זיי תיכף געוויזן, אז ווען עס האט פאסירט א חטא אין די שטאט, איז דא א ירידה אין די פרנסה פון די שטאט, איז א סימן אז עס איז געווען א ערליכע שטאט.

*

**ומאחר דהוו צדיקים כולי האי, מאי טעמא איענוש? אמר ליה, משום דלא איאבול על ירושלים, דכתיב** (ישעיה סו-י) **שמחו את ירושלים, וגילו בה כל אוהביה, שישו אתה משוש כל המתאבלים עליה.** די מפרשים געבן צו, אז אנדערע שטעט פון ארץ ישראל האבן געהאט קנאה אויף ירושלים. ירושלים איז געווען משוש כל הארץ, עס האט געהאט א ספעציעלע חן. די קינדער וואס זענען געבוירן געווארן אין ירושלים, זענען געווען קלוגערע קינדער ווי די קינדער וואס זענען געבוירען געווארן ערגעץ אנדערש אין ארץ ישראל. עס איז געווען נאנט צום מקום המקדש, די מדרש (במדב"ר כא-כא) זאגט אויף די אלע וואס האבן געוואוינט אין ירושלים, אז דער קרבן תמיד של שחר האט מכפר געווען אויף זייערע עבירות פון ביינאכט, און דער תמיד של בין הערבים האט מכפר געווען די עבירות וואס איז געווען בייטאג. ירושלים האט געהאט אין זיך עפעס א אויסנאם מער פון ארץ ישראל, און עס איז געווען א געוויסע קנאה וואס מען האט געהאט אויף ירושלים. און ווען ירושלים איז חרוב געווארן, האט מען נישט מתאבל געווען. אזוי ווי ווען מען האט א שונא, און עס גייט אים נישט גוט, קלאגט מען נישט דערויף. דאס איז געווען דער כפר סכניא, כאטש זיי זענען געווען ערליכע אידן, דאך זיי האבן נישט מתאבל געווען אויף ירושלים, האט עס צוגעברענגט אז זיי זענען נענש געווארן.

*

**שמונים אלף קרני מלחמה שנכנסו לכרך ביתר, בשעה שלכדוה. והרגו בה אנשים ונשים וטף, עד שהלך דמן, ונפל לים הגדול. שמא תאמר קרובה היתה, רחוקה היתה מיל.** וואס דער חידוש דערפון איז, כאטש א מיל איז נישט אזוי ווייט, אבער געוועגליך ווערט דאך בלוט איינגעזאפט אין דער ערד. איז דאך נישט שייך אז עס זאל זיך גיסן בלוט, און עס זאל צוקומען ביז צו א ים. אבער ווען די ערד איז שוין אזויפיל איינגעזאפט פון בלוט, אז עס האט שוין נישט קיין פלאץ אז עס זאל קענען איינזאפן מער, רינט די בלוט ווייטער. עס איז געררינען אזויפיל בלוט פון די הרוגים פון ביתר, אז די ערד איז שוין געווען איינגעזאפט מיט בלוט, אז די בלוט איז געגאנגען פון דארט ביז דעם ים הגדול.

**אנדערע** גירסות איז דא, אז דער ים איז געווען ווייט פון דארט פערציג מיל. לויט די סטאטיסטי"ק ווי מען זאגט היינט, ווי דער ביתר איז אמאל געווען, אן אראבישע מקום וואס הייסט 'ביתר', איז דאס טאקע פערציג מיל פון דער ים התיכון, דער מיטעל לענדישער ים.

*

**שני נחלים יש בבקעת ידים, אחד מושך אילך, ואחד מושך אילך.** דער בקעת ידים איז געווען נאנט צו די שטאט ביתר, עס איז געווען א טייך וואס איז געגאנגען נעבן ביתר, א נחל, און ווען דער נחל איז אנגעקומען צו דעם פלאץ פון בקעת ידים, האט זיך עס צושפרייט, איינס איז געגאנגען אויף רעכטס, און איינס איז געגאנגען אויף לינקס, וועגן דעם האט עס געהייסן בקעת ידים, אזוי ווי א מענטש איז דא דער גוף אינדערמיט, און די צוויי הענט זענען פון די צוויי זייטן. די זעלבע איז דער נחל געווען אינדערמיט, און עס האט זיך צושפרייט אויף די צוויי זייטן, רופט ער עס אן בקעת ידים.

*

**ושיערו חכמים, שני חלקים מים, ואחד דם. במתניתא תנא, שבע שנים בצרו עובדי כוכבים את**

**כרמיהן מדמן של ישראל בלא זבל.** עס שטייט אין ירושלמי (תענית ד-ה), אז ווען מען האט גע'הרג'עט די הרוגי ביתר, האט מען נישט געגעבן קיין רשות זיי קובר צו זיין. דער מלך האט זיי געלאזט ליגן, און זיי זענען נישט נסרח געווארן. זיי זענען געבליבן גאנץ, אזוי ווי בשעת'ן לעבן. ער האט געהאט א וויין גארטן וואס איז געווען גרויס אכצן מיל אויף אכצן מיל, פון צפורי ביז טבריא, און אנשטאט מאכן א גדר ארומצונעמען זיין כרם אז עס זאלן נישט אריינקומען דארט בהמות און חיות, האט ער גענומען די מתים, און ער האט זיי אויפגעשטעלט איינס נעבן אנדערע, און פון דעם האט ער געמאכט א גדר. ער האט גענומען די מתים, און זיי האבן אפגעהיטן זיין כרם. איך געדענק נישט צו עס שטייט דארט, אז זיבן יאר איז עס אזוי געווען, און זיי זענען נישט נסרח געווארן, זיי זענען געבליבן אזוי גאנצערהייט. נאכדעם איז בטל געווארן די גזירה, און מען האט געגעבן רשות זיי קובר צו זיין. און דעמאלטס האט מען מתקן געווען די ברכה פון הטוב והמטיב. מען זאל דאנקען דעם אייבערשטען, הטוב שלא הסריחו, והמטיב שניתנו לקבורה. מען דאנקט דעם אייבערשטן הטוב, אז זיי זענען נישט נסרח געווארן, זיי זענען געבליבן גאנץ. און והמטיב, אז מען האט געגעבן די רעכט זיי קובר צו זיין.

**די** ברכה פון הטוב והמטיב האט מען צוגעשטעלט אויך נעבן בענטשן, נאך די ברכה פון בונה ירושלים, ווען מען רעדט אז דער באשעפער זאל צוריק אויפבויען ירושלים, איז די ברכה דארטן המלך הטוב ומטיב לכל, וואס דאס גייט ארויף אויף דעמאלטס. עס איז דא נאך א פלאץ וואו מען האט מתקן געווען הטוב והמטיב, ווען מען ברענגט אריין א פרישען וויין אינמיטן די סעודה, דארף מען מאכן א ברכה הטוב והמטיב. פארוואס ביי וויין? ווייל די מעשה איז געווען ביי א כרם, האט מען מתקן געווען צו מאכן דעם הטוב והמטיב אויף וויין.

**עס** איז א מוסר השכל. ער האט דאך געזעהן נפלאות הבורא! עס איז דאך נישט דא קיין מציאות, אז א מת זאל נישט נסרח ווערן. האט ער דאך געזעהן אז דא איז דא א יד ה' אז זיי ווערן נישט נסרח, און ער האט עס אנגענומען פאר אזא פשטות אז עס איז אזוי, אז ער איז געגאנגען, און ער האט געמאכט פון זיי א גדר ארום זיין כרם. דאס איז טייטש, ער האט געהאלטן אז עס איז גוט אזוי ווי א האלץ. - ער זעהט א נס פאר זיינע אויגן, וואס דער אייבערשטער טוט מיט די מענטשן, שלא הסריחו, און עס האט אים נישט באריערט. זיי זענען געווען אזוי נאטורליך, אז פון דעם קען מען מאכן א גדר, און ביז עס איז נישט געקומען יארן שפעטער, וואס מען האט מבטל געווען די גזירה, דעמאלטס האט מען קובע געווען די ברכה פון הטוב והמטיב.

*

**_יום שני פרשת ואתחנן_**

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **שלמה זלמן פאללאק** הי"ו.

*

**_יום רביעי פרשת ואתחנן_**

אחר התפלה נסע **רבינו שליט"א** לשכונת בו"ש גארדענ"ס, והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **יהודה יוסף שווארץ** הי"ו (בן הרה"ג רבי משה **פרץ שווארץ** שליט"א, אב"ד קול אריה לעיקוואד). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ואח"כ הסיב למסיבת לחיים.

*

**_שבת קודש פרשת ואתחנן_**

כשעה וחצי אחר הבדלה ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק בעל חידושי הרי"ם זי"ע** (מתוך הספר מאיר עיני הגולה ח"ב), ומאת **הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע** (מתוך הספר בקודש פנימה). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** דומ"ץ סאמבאטהעלי.

**_וזה תוכן הסיפורים_** _(מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):_

מרן ישב כל היום בחדרו, מכונס בעצמו, בראש כפוף ובעינים עצומות, דבוק בריבון עלם ועלמיא עד כלות הנפש. מלובש בכל מלבושי החסידות. חבוש בכובעו וחגור באבנטו, בימי הקיץ הלוהטים בתל אביב, כמו בלילות הקר בחורף הירושלמי, כשיראת ה' חופפת עליו תדיר. במשך רוב ימות השנה, כשמרן שהה בתל אביב, היו חלונות חדרו סגורים ואטומים, ומרן לא הירשה לפותחם כל עיקר. רק בתקופות בהם שהה בירושלים,

שבועות מספר בימות הקיץ מדי שנה בשנה, נעתר מרן לבקשת המשמשים לפתוח את החלון.

**והוסיף רבינו:** איך האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז אינדערהיים פאר די קריג, איז ער געווען מיט זיין פאטער ביים **בעלזער רב**, ווען ער איז געפארן זומער אויף אפרוה, אין א שטעטל וואס האט געהייסען טשילקע. **מיין זיידע ז"ל** איז געפארן אויף א שבת, און ער האט מיטגענומען מיין טאטע ז"ל, צוזאמען אויף שבת.

**ווען** זיי זענען אנגעקומען, האט דער גבאי, רבי אהרן יהושע, געזאגט פארן זיידען. עס קאסט אזויפיל געלט פארן רב אהערצוקומען דא אין באד, איך ווייס באמת נישט פארוואס ער איז געקומען. ער גייט קיינמאל נישט ארויס פונעם שטוב, ער האט נאך קיינמאל נישט געעפענט א פענסטער דא אין שטוב. דאס האט ער פארציילט אינמיטן די וואך.

**שבת** אינדערפרי איז ער צוגעקומען צום זיידען, און ער האט אים געזאגט, דעם פרייטאג צו נאכטס איז געווען א אויסנאם. ווען ער איז אהיימגעקומען פונעם טיש, האט ער געזאגט מען זאל עפענען די פענסטער, און ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער, און ער האט אזוי אריינגעאטעמט די לופט, אזוי ווי איינער שמעקט בשמים, האט ער געגעבן א שמעק די לופט, און תיכף געהייסען צומאכען די פענסטער. מען האט שוין יוצא געווען מיט דעם די לופט וואס ער דארף האבן פון טשילקע.

**איך** האב אויך געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז אמאל ווען מען האט אים געפרעגט נאך וואס ער איז געקומען, ער עפענט דאך נישט קיין פענסטער? האט ער געזאגט, די לופט דא איז אזוי גוט, אז עס קומט אריין אפילו מיט צוגעמאכטע פענסטער אויך...

*

מרן ז"ל ישב כל היום על כסא עץ קבוע, ופשוט בתכלית, וללא ריפוד. ישיבתו היתה תדיר רק על קצהו של הכסא. ומעולם לא אירע שהתרווח על מושבו בחילוץ עצמות, ונשען על משענת הכסא אפילו לרגע קט.

**והוסיף רבינו:** אין ארץ ישראל איז דא די בענקעל, איך האב עס נאך געזעהן אין זיין ספרים שטוב, ווען איך בין געווען דארט. און מען קען דערקענען אויפן בענקל, אז ביים עק פונעם בענקל איז א שטיקל אויסגעריבן, און די צווייטע העלפט פונעם בענקל, וואס איז נאנט צום אנלאנער, גלאנצט נאך. ער איז קיינמאל נישט געזעסן אויף יענע העלפט, ער איז געזעסן אויפן ערשטען העלפט פונעם בענקל, אן קיין שום אנלאנען.

*

אחד מגדולי החסידים בארץ ישראל ומן היושבים ראשונה במלכות, שהיה דבוק **במרן זצ"ל** בלב ונפש, היה **הגאון רבי דוד שפרבר זצ"ל** אב"ד בראשוב ובעל **שו"ת אפרקסתא דעניא**. בהזדמנות מסויימת, סיפר לו מרן, שאביו **כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע** לא היה מרוצה מיהודי הונגריה התמימים, שכשבאו אליו, היו מברכים ברכת שהחיינו בשם ומלכות. ומרן הוסיף ואמר לו, כל היהודים תמימים, אבל יהודי הונגריה הם תמימים שבתמימים. לאחר זמן מה, שבר הגאון מבראשוב את רגלו והיה רתוק למיטתו זמן רב, ומכיון שכך, לא היה יכול לבוא אל מרן משך תקופה ארוכה. כשהגיע בפעם הראשונה לאחר החלמתו אל מרן, בא כשהוא נשען על קביים. אמרתי למרן שהרב מבראשוב הגיע, ורוצה ליכנס אל מרן, ומרן נעמד ממקומו וניגש אל דלת החדר לקדם את פניו. כשביקש מרן להושיט ידו לשלום להגאון מבראשוב, עצר הגאון ונסמך בשתי ידיו על הקביים, ובירך בקול ובהתרגשות עצומה ברכת שהחיינו בשם ומלכות. לאחר מכן כשניגש ונתקרב אל מרן, אמר בפניו כמתנצל, אני גדלתי בסביבת היהודים התמימים, והנני מרגיש שיכולני לברך ברכת שהחיינו. נענה לו מרן זצ"ל ואמר, אכן דבר זה תלוי בשמחת הלב.

**וביאר רבינו:** די הלכה איז אזוי, אז הרואה את חבירו אחר שלשים יום, אז מען טרעפט זיך מיט איינעם נאך דרייסיג טאג וואס מען האט זיך נישט געטראפן מיט יענעם, טאמער ער איז חביב, שטייט אין שלחן ערוך (או"ח רכה-א) אז מען זאל מאכען ברכת שהחיינו. די וועלט פירט זיך היינט אז מען מאכט נישט, אבער מעיקר ההלכה איז, אז מען מאכט יא א שהחיינו. אבער פארוואס ברענגט ער אהער, אז דער בעלזער רב האט געזאגט אז זיי זענען תמימים, און זיי מאכען א שהחיינו, און דער בראשוב'ער רב האט אויך געזאגט איך בין ערצויגען געווארן ביי יודען תמימים, מאכט מען די ברכה שהחיינו.

**וואס** איז דער טעם אז מען מאכט נישט היינט א שהחיינו, ווען מען זעהט יענעם נאך דרייסיג טעג? דער טעם פארוואס עס האט זיך אויפגעהערט איז, ווייל מענטשען וועלן זיך באליידיגען. שטעלטס ענק פאר, אז א בחור איז נישט געווען אין ישיבה דרייסיג טאג. און ער קומט אריין, און זיינע גוטע חברים זאגען אויף אים א שהחיינו, און דער וואס איז נישט אזא גוטער חבר מיט אים, וויל דאך נישט מאכען א ברכה לבטלה, זאגט נישט אויף אים א שהחיינו. ווייסט ער דאך שוין וואו ער האלט, אז דער וואס האט געזאגט אויף אים שהחיינו, דאס איז מיין חבר, און ווער עס האט נישט געזאגט שהחיינו, ער איז נישט מיין חבר. נו, וועט זיך יענער שעמען אז ער וועט געוואר ווערן יעצט אז ער איז נישט זיין חבר, וועט ער מאכען א שהחיינו. יעדער וועט מאכען א שהחיינו, ווייל ער וויל דאך אז מען זאל מיינען אז ער איז אים א חבר. און די האלבע שהחיינו'ס וואס מען וועט מאכען, וועט זיין א ברכה לבטלה. מען קען דאך נישט מאכען א שהחיינו נאר ווען מען פריידט זיך, און ער פריידט זיך דאך נישט. קומט אויס, אז מען האט אויפגעהערט צו זאגען שהחיינו, ווייל מען וויל נישט זיי א אחד בפה ואחד בלב. ער מאכט א שהחיינו אויף יענעם, און ער מוז זיך פרייען, און ביז דערוויל פריידט ער זיך נישט, ער האט נאר נישט א ברירה, ווייל ער וויל נישט אז יענער זאל וויסן אז ער איז אים נישט קיין גוטער פריינט.

**אבער** ווען איינער איז א תמים, וואס רש"י (בראשית כה-כז) זאגט, אז א תמים איז טייטש, כפיו כן לבו, עס איז פיו ולבו שווין, ער פאפט נישט. מי שאינו חריף לרמות, קרוי תם. ווען איינער איז ערליך, און ער מאכט א שהחיינו, איז דער טייטש אז ער איז טאקע בשמחה מיטן גאנצן הארץ, ווען ער מאכט די ברכה. – האט דער בעלזער רב געזאגט, אז די אונגארישע יודען זענען תמימים, זיי זענען אויסגעהאלטן, זיי זענען ערליך. וואס ער האט אין הארץ, דאס זאגט ער. און ווען ער האט א שמחה, מאכט ער א שהחיינו, און ווען ער האט נישט קיין שמחה, מאכט ער נישט קיין שהחיינו. דאס האט זיך דער בראשוב'ער רב פארענטפערט, אז ער איז נתגדל געווארן מיט א תמימות, וועגן דעם האט ער געמאכט א שהחיינו. און דער בעלזער רב האט געזאגט, אמת, עס קומט זיך אזוי, אז טאמער איז טאקע דא א שמחה, דארף מען מאכען א שהחיינו.

*

**איך** האב געהערט פון ברודער דער **סערדאהעלער רב**, אז ער איז געווען ביים **בעלזער רב זי"ע** די לעצטע הייליגע טעג. און ער איז איינגעשטאנען ביי מיין פעטער, מיין מאמע'ס ברודער, דער **קאטמונ'ער רב**. און דער קאטמונ'ער רב איז געווען א איידעם ביים **בראשוב'ער רב**. און ווען מיין ברודער פלעגט צוריקקומען פונעם בעלזער רב'ס טיש פרייטאג צו נאכטס, איז דער בראשוב'ער רב שוין אויפגעשטאנען צו לערנען שבת פארטאגס. און ער פלעגט אים אייביג איבערצופרעגן וואס עס איז געווען ביים טיש ביים בעלזער רב.

**און** דער בראשוב'ער רב האט אים פארציילט, אז ווען ער איז געקומען אויף די עלטער, האט ער שוין נישט געהאט קיין כח צו דאווענען שטייעדיגערהייט. און ער האט געפרעגט דעם בעלזער רב, צו ער קען דאווענען זיצעדיגערהייט. האט ער אים געזאגט, אז ער מעג, אבער ער ראהט אים, אז ער זאל נישט דאווענען זיצעדיגערהייט. האט דער בראשוב'ער רב געזאגט, איך האב געטראכט, אז דער בעלזער רב שפירט דאך נישט מיינע יסורים, וואס איך האב ווען איך שטיי, וועגן דעם האט ער מיך אזוי געראהטן אז איך זאל יא שטיין ביים דאווענען. אבער איך ווייס דאך אז איך האב נישט קיין כח, דאווען איך זיצעדיגערהייט. שפעטער האט ער טאקע פארלוירן די כוחות, און ער האט נישט געקענט דאווענען נאר זיצעדיגערהייט, און ער האט חרטה געהאט פארוואס ער האט נישט געפאלגט דעם בעלזער רב, וואס האט אים געראהטן אז ער זאל דאווענען שטייעדיגערהייט, ווייל דאס וואלט אים געגעבן די כוחות דערצו, אז ער זאל קענען דאווענען שטייעדיגערהייט.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**